## דעם זונטאג שלח

# פילטער דרייוו

# קרית יואל שפאנט מיט א זכי' און שטאלץ צום "פילטער דרייוו" להצלת הדורות

**מאסיווע דרייוו דעם קומענדיגן זונטאג אוונט אין די זאלן פון "קרן וויואל משה"; א רינגעלע אין די 'בלב אחד' אונטערנעמונגען אויסצופירן הלכה למעשה פייערדיגע התעוררות למען הצלת הדורות, לאור הוראת קדשו פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א - בארימטע קאמפיוטער מומחים און טעכנישאנס וועלן פילטערן אלע ערליי כלים און שטיין צוהילף דעם ציבור איבער אלע טעכנאלאגישע אנגעלעגנהייטן**

קרית יואל. - עס איז שוין אריבער צוויי חדשים זייט מען האט געזאגט די ברכה פון "על ביעור חמץ"; עס זענען שוין אויך אריבער צוויי וואכן זינט מ'האט טעגליך מתפלל געווען "ולהטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה", אבער עס ברענט אין די שטאט א הייליג פייער!

הונדערטער אידן זענען אין די טעג פארנומען מיט'ן אויספאלגן די קלארע הוראה פון כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, וועלכער האט פארגאנגענעם מוצאי יו"ט שבועות העעל"ט, ביים 'ברכת הקודש' פאר רבבות אלפי ישראל, אנשים נשים וטף, משמיע געווען דעת תורה מיט קלארע הוראות איבער די נושא פון די טעכנאלאגישע כלים, וואס נעמט אריין קאמפיוטערס און סעלעפאנען, אין שטוב, אין טאש און ביי די פרנסה, און באזונדער ביים בית יעקב אלו הנשים.

די פייערדיגע דיבורים פונעם רבי'ן שליט"א האט ווי פארשטענדליך אריינגעברענגט א זעלטענער התעוררות ביים ריזן ציבור הסרים למשמעתו, בפרט נאכדעם וואס די חשוב'ע עסקנים האבן פראקלאמירט דעם "בלב אחד" קאמפיין, מיט'ן ציהל אז יעדער איינער וואס האט סיי וועלכע פון די כלים זאל וויסן אין וועלכע קאטעגאריע ער באלאנגט, און וואס עס איז זיין פערזענליכע חובת השעה און אחריות צו טוען הלכה למעשה.

די סוחרים וואס פארקויפן סעלעפאנען דערציילן איבער אן אומגלויבליכער מספר פון אידן, וואס האבן מחליט געווען אוועק צולייגן די סמארט-פאונס; טייל קומען פארלאנגען גענצליך נייע פשוט'ע און כשר'ע פאונס וואס האבן אין זיך גארנישט מער ווי א טעלעפאן; אנדערע קומען ארויסנעמען געוויסע שעדליכע אפציעס פון אינעווייניג, אבער הצד השוה שבהם אז יעדער איינער וויל נאר דער זעלבער ציהל "קדושים תהיו", כדי זיך צו פארזיכערן דעם אייגענעם עתיד און הצלת הדורות בס"ד בקדושה של מעלה.

מיט גרויס שפאנונג ווערט יעצט ערווארטעט דעם גרויסער טאג א' שלח, כ' סיון; א דאטום וואס זאגט אסאך פאר תלמידי וחסידי סאטמאר, א טאג וואס אינעם עבר האט זי שוין פארגעשטעלט מיט זיך גרויסע מאמענטן פון כבוד שמים, און אי"ה היי יאר תשע"ב לפ"ק וועט דער טאג ווידעראמאל סימבאליזירן כבוד שמים באופן נעלה ונשגבה, ווען די אלע אידן, בני תורה, ביזנעסלייט אדער סתם בעה"ב ואברכים וכדו', מתושבי קרית יואל, וואס האבן נאך דערווייל נישט אויסגעזויבערט

זייערע קאמפיוטערס/פאונס, אדער ווילן סתם אזוי שטייגן א שטאפל העכער, וועלן דאס אי"ה מקיים זיין להלכה ולמעשה, להרמת כבוד שמים!

אין א שמועס וואס מיר האבן אפגעהאלטן מיט איינער פון די חשוב'ע עסקנים דערציילט ער מיט התפעלות, אז ווי עס שטעלט זיך ארויס, שטייען גאר אין שפיץ פון דעם אונטערנעמונג, א צאל חשוב'ע בעלי בתים, וואס זענען בכלל נישט בארימט אלס עסקנים בה"א הידיעה, נאר טאקע ווייל זיי ווייסן און זיי קענען דעם פראבלעם, בבחי' "אין חכם כבעל נסיון", און עס איז זיי שוין אויסגעקומען בעבר מיטצוהאלטן די פראבלעמען, אדער זעהנדיג ביי זייערע ארבעטער, חברים, שותפים, ווי אזוי זיי מוטשענען זיך ארום נישט קענענדיג זיך פארמעסטן מיט די נסיונות, האבן זיי מחליט געווען צו טון כל מה שביכלתם צו העלפן אין דעם ענין, און זיי שטייען טאקע ביי די האנט מיט פיל חיזוק און באגלייטונג אויף טריט און שריט. דאס איז אויסער וואס פאר'ן הצלחה פון דעם דרייוו זענען איינגעשפאנט א שטאב מיט עקספערטן אין פעלד פון טעכנאלאגיע און קאמפיוטער טעכנישאנס, וועלכע זענען אלע דא צו העלפן דעם ציבור בנוגע פילטערן קאמפיוטערס/פאונס און אלע אנדערע אופנים.

אזוי אויך זענען דא חשוב'ע עסקנים וואס שטעלן צו פאנטאסטישע סומעס, וואס זיי קלויבן צוזאם פון נדיבים בעם וואס זענען גרייט זיך צו לאזן קאסטן גרעסערע סכומים אז מ'זאל קענען אויפטון וואס מען דארף.

ווי געזאגט, וועט אי"ה דעם קומענדיגן זונטאג נאכט פארקומען דער "מעמד קידוש ה'" הנקרא "פילטער דרייוו", אין די זאלן פון "קרן ויואל משה", וואו עס וועלן זיצן מערערע מומחים וואס וועלן ארויפלייגן אומזינסט פילטערס פאר יעדן איינעם לויט'ן געברויך און ארויסהעלפן מיט אלע אנווייזונגען. דער ציבור וועט ערשיינען מיט סעלפאונס, קאמפיוטערס, לעפ-טאפס, סמארט-פאונס וכדו', ווי אויך וועט מען קענען מיטברענגען די פאונס פונעם עזרת נשים אויב ס'פעלט אויס דערויף א תיקון, און יעדע כלי פאר זיך וועט באקומען א באהאנדלונג לויט'ן פארלאנג פונעם אייגענטימער.

עס וועלן אויך זיין דארט מומחים וואס וועלן ארויסהעלפן מיט יעוץ און הדרכה, ווי אויסהערן די פארלאנגען אדער ספיקות פונעם ציבור, און מייעץ זיין וועלכע כלי עס איז כדאי צו נעמען און צו וואס עס לוינט זיך אויפצוטוישן א.ד.ג.

די עסקנים לייגן אריין כוחות, אז עס זאל זיין צו באקומען אויך כשר'ע סעלפאונס, אויף פארשידענע אופנים, און נאך פארשידענע סערוויסעס לתועלת הציבור, וואס זאל צוהעלפן אז ווי א גרעסערער ציבור זאל זיך דארט באטייליגן, כדי אז פון מאנטאג פרשת שלח הבעל"ט אויב וועט זיך טרעפן אין קרית יואל א אינגערמאן מיט אן אומגעפילטערטע כלי זאל ער זיך מוזן שפירן ווי א צווייט-קלאסיגער ברי', און ער זאל זיך פשוט שעמען ארויסצונעמען די כלי ברבים, ווייל מ'וועט אויף איהם קוקן ווי א פורש מן החיים ר"ל.

גלייכצייטיג טוען די עסקנים אויפמערקזאם מאכן, אז דער 'פילטער סעקשן' איז נאר צוגעשטעלט פאר די אידן וואס גייען אריין אין קאטעגאריע נומער 2-4 אין ראם פונעם 'בלב אחד' קאמפיין, דאס הייסט אז לויט זייער געברויך מעגן זיי האבן קאמפיוטערס/סעלפאן'ס מיט פילטערס וויבאלד עס פעלט זיך אויס לצורך מסחר ופרנסה, אבער פאר די אלע וואס האבן סמארט פאונס און אינטערנעט בלויז פאר נייעס און אונטערהאלטונג, איז פארשטענדליך בכלל נישט קיין היתר צו נוצן די כלים אפילו מיט א פילטער, און עפ"י הלכה דארפן זיי דאס גענצליך איינטוישן, און נישט בלויז פילטערן, ווייל ווי פארשטענדליך איז דער גאנצער פילטער בלויז א היתר בדליכא דרכא אחרינא.

ווי מען הערט נאך פון די עסקנים, ווערט צוגעגרייט צום מעמד א הערליכער קונטרס, וואס וועט אנטהאלטן די צענדליגער, צי אפילו די הונדערטער דרשות, וואס ווערט שוין געהערט בלהבת אש די לעצטע פופצן יאר מפום ממלל רברבן כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, בנוגע די ביטערע סכנה פון קאמפיוטערס און אינטערנעט, וואס זינט שנת תשנ"ח ווען דער קאמפיוטער האט אנגעהויבן אריינצוקומען אין אידישע הייזער, איז דער רבי שליט"א כסדר מעורר און מתריע, מתקן תקנות און גודר גדרים, און מערערע בריוו זענען שוין אויך געשריבן געווארן איבער די ענינים, ווי אן עסקן טוט אנמערקן אז בלויז "פון נעילת החג שמחת תורה תשע"ב, ביז דעם היי-יעריגן סעודת הילולא כ"ו ניסן, קנאפע זעקס חדשים, האט דער רבי שוין גערעדט פון די נושא ברבים 'פופצן' מאל..."

דער קונטרס וועט גלייכצייטיג טראגן אן היסטארישן באדייט, ווען לויט די דברי התעוררות וואס ווערט דארט דערמאנט וועט מען קענען האבן א איבערבליק ווי אזוי די נסיונות האבן זיך אזוי שנעל געקייקעלט ממדריגה למדריגה, ווען אמאל איז דער גרעסטער פחד געווען פארן קאמפיוטער, אז מ'קען אריינלייגן דערין א 'סידי', וואס היינט איז דאס שוין ליידער א געלעכטער קעגן די שרעקליכע מכשולות און חורבנות וואס דער קאמפיוטער טראגט ווירקליך מיט זיך.

תושבי קרית יואל שפירן אין די טעג א הייליגן ציטער אין הארצן, מ'שפירט אז עס ווערט געטון א פעולה גדולה וחשובה לנו ולבנינינו אחרינו, און כאטש נישט פאר יעדן קומט דאס אן לייכט, און פאר טייל אפילו גאר שווער, פונדעסטוועגן "ועדיין עושין אותה בשמחה", ווייל מ'ווייסט אז דאס דארף מען טון, דאס איז פאר'ן אייגענעם עתיד און פאר די אייגענע טובה, און קיין צווייטע ברירה איז נישטא ווי עס שרייען אלע גדולי ישראל.

טייל אינגעלייט דערמאנען דאס התעוררות וואס האט זיך געשפירט מיט אכט יאר צוריק, אום אייר סיון תשס"ד, בשעת ווען עס איז געווען די היסטארישע פרשה מיט די 'עבודה זרה שייטלעך', ווען הונדערטער נשים צדקניות פון קרית יואל האבן - לאור הדברי חיזוק והתעוררות פונעם רבי'ן שליט"א - גענומען די דרייסט און מיט א מסירות נפש אוועק געווארפן זייער שייטלעך אין ווערד פון טויזענטער דאללארן - וואס איז נאך געווען אזא גרויסער נסיון, אויב נישט פילפאכיג גרעסער ווי סעלפאונס ביי די מענער - יעצט איז ווידער אן עת נסיון וואס עס איז ערווארטעט צו זעהן און הערן ווי תושבי קרית יואל וועלן מיט א שמחה און א שטאלץ מוותר זיין אויף באקוועמליכקייט, אויף געלט און הנאה, און טון וואס עס דארף געטון צו ווערן צו ראטעווען זיך מיט די קומענדיגע דורות.

**כולנו להצלת הדורות א' שלח הבעל"ט.**

די סוקסעספולע מיטינג צווישן די טעכנישן'ס - אין בעפארברייטונג צום דרייוו







# מיר כאפן זיך אלע מיט מיט'ן שיף...

שטייט א אידל ביים שיף-פארט, נעבן דעם גרויסן אפענעם ים, ער דארף גאר וויכטיג אוועקפארן און אנקומען צו די אנדערע זייט פונעם ים. ער שטייט אזוי פארלוירן און קוקט זיך צו ווי גרויסע שיפן קומען אן, אנדערע שיפן לאזן זיך ארויס אין וועג און פארן אוועק, ער באטראכט די רייזנדע פונדערוואייטנס מיט קנאה, אט פארן זיי שוין ענדליך און קומען שוין באלד אן, נאר ער שטייט דא ביים פארט און גארנישט רוקט זיך נישט פון ארט...

גייט אדורך א באקאנטער און גיט אים א פרעג: "ר' איד, וואס זענט איר עפעס אזוי צעטראגן"?

- איך דארף דרינגענד וויכטיג אריבערפארן דעם ים, שיפן פארן כסדר ארויס אין וועג, א גאנצע שורה מענטשן איז פריער דא געשטאנען און אלע פארן שוין לאנג אויף די גליקליכע רייזע, נאר איך שטיי דא אויף איין פלאץ און איך ריר זיך נישט פון ארט".

- נו, פארוואס גייט איר נישט ארויף אויף די שיף"?

קיין ענטפער...

## די שיף פארט...

מיר זענען אלע עדות אז עפעס רירט זיך! טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט ווערן נתעורר, כמעט יעדן טאג שטייען גאנצעטע שורות מענטשן און זענען זיך מחזק אין עניני קדושה, שמירת עינים און הוספת טהרה. יעדער פאלגט אויס די קלארע הוראה ודעת תורה, יעדער לויט זיין התחייבות, טייל טוישן די סעלפאנס, טייל לייגן פילטערס אויף די ביזנעס קאמפיוטערס אין אפיס אדער אין טאש, אנדערע הייבן די לעוול פון זייער פילטער, אנדערע גיבן בכלל אויף אויף זייער סעלפאן, מענער און בעיקר פרויען, יא עס איז אן אמת'ער פאקט!

**אויב שטייען מיר אין די זייט, מיר גייען נישט אריין אין די שיף וואס פארט ארויס צום ים הטהרה והקדושה, קענען מיר זיך ח"ו ארומדרייען אנגעוויטאגט און פארקלעמט, וויסנדיג ביי זיך אין הארצן דעם אמת, אז דער מצב איז יעדער גענוג ביטער, און... בלייבן אויפן ארט!**

פון שטיין און קרעכצן געשעט נאך גארנישט. מיר דארפן פשוט ארויפגיין אויף די שיף, און מיטפארן!

לאמיר זיך נישט נארן, עס איז נישט גרינג...

אמת און ווער, מען דארף אויפגעבן אויף געוויסע באקוועמליכקייטן און בעיקר געוואוינהייטן, ליידער זענען מיר שוין אלע איינגעגעסן און "מורגל" אין די סעלפאנס און קאמפיוטערס, אינאיינעם מיט אלע מרעין בישין וואס דאס ברענגט מיט זיך מיט.

עס איז נישט פון די גרינגסטע זאכן זיך איינמאל פאר אלעמאל אפצושטעלן און זאגן "גענוג"!

אבער... מיר ווילן אויך נישט אויסזען ווי יענער אידל ביים בארטן, וועלכער זעט ווי יעדער פארט ארויס אין וועג, און ער בלייבט שטעקן אויפ'ן ארט.

## אם לא עכשיו אימתי?...

רוב מאל קומט דער יצר הרע מיט א געדאנק פון "מארגן". היינט איז נישט געאייגנט דערפאר, צוליב עטליכע סיבות שונות, אבער מארגן, קומענדיגע וואך, א.א.וו. דעמאלט וועל איך מיך נעמען אין די הענט אריין.

אויף דעם זאגן שוין ספרי קודש אז דאס זאגט אן די תורה הקדושה "צא הלחם בעמלק מחר"! לאז דיך ארויס אין קריג מיט'ן עמלק וואס זאגט "מארגן".

ווייל, צווישן אונז גערעדט, "אם לא עכשיו, אימתי"?

**אויב יעצט ווען עס הערשט אזא התעוררות צווישן דעם גאנצן ציבור**

**אנשי שלומינו, טוט עס מיך נאך אלץ נישט באאיינפלוסן, איך זיך מיך אויס תירוצים פון אונטער דער ערד, און איך מיין אז איך קען מיך נישט שטארקן איבער די געוואוינהייט פונעם אפענעם סעלפאן, אויב אזוי, ווען יא?**

וואס נאך דארף געשען, און וויפיל נאך דרשות דארף מען הערן, אז איך זאל מיך יא דערמאנען און אנהייבן טאן צו דער זאך?

## טראכט נישט קיין סאך...

אין ספה"ק בית אהרן (רמזי פסח דף צב:) ווערט געברענגט אזא מעשה, אז נאך די פטירה פון הייליגן בעל שם טוב הק' זצ"ל, איז ער געקומען אין חלום צו זיין איינציגן זון הרה"ק רבי צבי זצ"ל, האט דער זון געפרעגט דעם טאטן: "וויאזוי דינט מען דעם בורא"?

באלד דערנאך האט ער געזען דעם טאטן ווי ער שטייט אויף א הויכע שפיציגע בארג, און ער גיט א שפרינג אראפ אין טיפן טאל אריין, ביז אלע זיינע גלידער ווערן רח"ל צעריסן און צעברעקלט... דאן האט ער אים נאכאמאל געזען געהעריג, און ער האט אים געענטפערט: "אט אזוי דינט מען דעם בורא"!

די אמת'ע מעשה איז א גרויסע לימוד לדורות עולם.

זעלבסטפארשטענדליך אז מיר זענען נישט דא אויסן צו אזא עבודה במסירת נפש ממש, נאר מיר נעמען עס אלס ביישפיל, אויף אסאך אסאך גרינגערע זאכן ווי דאס.

עס איז פונקט ווי - להבדיל - ווען עמיצער וויל אריינגיין אין א קאלטע שווים-באסיין, אויב גייט ער אריין צוביסלעך א טריט נאך א טריט, איז עס זייער שווער, און ער טרייסלט זיך פאר קעלט. אויב אבער גיט ער א פארמאך די אויגן און שפרינגט אריין אין איין סעקונדע, איז אלעס נאכדעם פיל גרינגער, און ער זעלבסט האט הנאה אז ער האט עס געטאן.

**יא, "אזוי דינט מען דעם בורא"! מען שפרינגט אריין! מען לאזט זיך נישט טראכטן אהער און אהין, קען איך יא? קען איך נישט? מיינט מען מיך? א.א.וו.**

מען ווייסט דאך גוט דעם אמת, כל לב יודע מרת נפשו, און אפילו אויב איז מען אליין יא ב"ה אפגעהיטן, וואס וועט מען זאגן פאר די קינדער? פאר די חברים? צי קען מען דען נעמען דעם אחריות פון אנדערע וואס וועלן ווערן אפגעקילט דורך אים?

## די שענסטע חינוך...

ביי דעם פונקט דארף מען זיך אפשטעלן א קורצע ווײלע, און געבן א קלער: "וואס ערווארטן טאקע מיינע קינדער פון מיר"?

די קינדער האבן דאך נישט די אלע נסיונות ווי די ערוואקסענע, זיי זענען נאכנישט אזוי צוגעוואוינט צו די קאמפיוטערס און סעלפאנס, און זיי זעען נאך די זאך מיט א קלארערן קאפ, זיי זענען נישט אזא נוגע בדבר זיך צו פטר'ן מיט א פוילן תירוץ. אוי ווי גליקליך און צופרידן וועלן זיי זיין, זיצנדיג ביים שבת טיש און הערנדיג ווי דער טאטע זאגט זיי קליפ און קלאר, מיט א שיינענדן געזיכט: "איך בין געווען ביים פילטער דרייוו! איך האב געטוישט מיין סיסטעם, איך האב געלייגט א גרויסע שלאס אויף מיין סעלפאן" וכדומה!

עס דערמאנט יענע מעשה, אז מען האט געפרעגט איינעם פון די אמעריקאנער אידן בעפאר די קריג, וויאזוי ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א ערליכע אידישע שטוב אין די טריפה'נע אמעריקע?

האט ער געענטפערט א געוואלדיגן ענטפער: "יעדע וואך זונטאג, ווען איך בין אהיימגעקומען מיט א פינקע-סליפ אז איך בין אויפגעזאגט פון די ארבעט, ווייל איך בין שב"ק נישט אריינגעקומען ווי געווענליך ארבעטן, האב איך עס געוויזן פאר די קינדער מיט א פרייליכע מינע אויפן פנים, און זיי אריינגעגעבן א שטאלץ צו זיין אן ערליכער איד! במשך דעם יאר האט זיך מיר אנגעזאמלט א היבשע הויפן פון אזעלכע צעטלעך, האב איך זיי אלע



גענומען און פון זיי אויסגעשניצט "נוי סוכה" און אויפגעהאנגען אין די סוכה! גאנץ יום טוב האט מען גערעדט פון דעם, און עס איז געווען אין אונזערע אויגן ווי די שענסטע זאך אויף דער וועלט! דאס האט זיך גוט גוט איינגעבאקן אין די קינדער, און זיי זענען אלע געבליבן ערליך און אפגעהיטן"!

דאס איז א לעקציע וואס "רעדט ווערטער"! **דעם קומענדיגן שב"ק וועלן מיר אויך האבן אן ענליכע געלעגנהייט און זכי' צו זיצן ביים טיש מיט די קינדער און אויסרופן מיט עקסטאז: "קינדערלעך, איך האב א סורפרייז"!!!**

שוין אפגערעדט, אז דער וואס דארף בכלל נישט קיין סעלפאן מיט אינטערנעט, וועט זיין אסאך מער שטאלץ צו קענען זאגן: "איך האב נישט געפילטערט, נאר גענצליך עלימינירט דעם טמא'נעם אינטערנעט פון מיין קאמפיוטער\סעלפאן"!

אוי וועלן זיי דאס געדענקען!...

א גאנץ לעבן וועט עס זיי דינען אלס מורה דרך! און מיר ווייסן דאך ליידער, אז אויב ח"ו משיח וועט נישט פריער קומען, וועלן אונזערע קינדער און אייניקלעך דארפן האבן אסאך גרעסערע כוחות זיך צו שטארקן איבער די נסיונות וואס וועלן זיי אנטרעפן אין די קומענדיגע יארן.

אייער יעצטיגע שריט, און אייער שמחה של מצוה דערנאך, קען ראטעווען אייערע אייגענע קינדער און אייניקלעך! פשוטו כמשמעו!

## מיט א שטאלץ און שמחה...

אלזא, צוריק צו אונזער ענין. דאס איז קלאר ווי דער טאג, ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האט קלאר געפסק'נט, געמאנט און געפאדערט, אז אפילו אויב מ'דארף האבן די כלי בהכרח פאר פרנסה, איז מען מחויב צו לייגן א פילטער אויפ'ן סעלפאן און קאמפיוטער! נאר וואס דען? עס איז שווער אויפצוגעבן אביסל באקוועמליכקייט.

נו וואס איז טאקע די עצה? "שפרינג אריין מיט שטאלץ"!!!

טראכט נישט צוויי מאל! א שטאב מיט 30 מומחים ווארטן אייך אפ קומענדיגן זונטאג אין קרן ויואל משה, קומט אריין, מאכט זיכער איר האט דעם בעסטן פילטער און פארטיג! באשיצט אייך כאטש די בעסטע וואס מעגליך!

**וואויל איז אונזער חלק, אז מיר נעמען זיך דעם קוראזש איינמאל פאר אלעמאל, מען שפרינגט אריין אין א ים פון טהרה, מען הייבט זיך אויף די כוואליעס פון התרוממות און התעוררות, און מען ווערט ריין פון די ביטערע זוהמא וואס פארשוועמט די וועלט.**

מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו טראכטן, און מיר קענען זיך נישט ערלויבן אפצושטיפן! אויב טראכט מען, און אויב שטיפט מען אפ, דאן בלייבט מען שטיין ביים ברעג, און עס וועט קיינמאל נישט געשען חלילה.

אלזא, די שיף פארט ארויס, יעצט איז די צייט! מיר כאפן זיך אלע מיט מיט'ן שיף! מיר גייען אלע צום "פילטער דרייוו", לקדש שם שמים!

**ואם לא עכשיו, - אימתי"?**

**עטליכע טאג'יקע "פילטער דרייוו" אין וויליאמסבורג**





**"פילטער דרייוו" אין ביהמ"ד דקיט"ל סאטמאר-מאנסי**



# פילטער דרייוו
## וואס און פאר וועמען?

### וואס וועט מען פילטערן?

- Laptop
- Blackberry
- Android phone/tablet
- iPhone/iPod/iPad
- Windows Mobile phone
- Palm Centro
- Palm Pixi
- Feature phone
- רעגולער סעלפאון

### פאר וועמען איז דאס געווידמעט?

- ביזנעסלייט
- בני תורה
- אברכים
- כלי קודש
- בעלי בתים

**פילטער דרייוו**

# זונטאג שלח
## אין קרן ויואל משה

# כ׳ סיון האט מצליח געווען
## מיטן יצרא דמינות
# כ׳ סיון וועט אי״ה מצליח זיין
## מיטן יצרא דעריות!

קומענדיגער זונטאג א׳ שלח הבעל״ט, געפאלט אויס כ׳ סיון.

דער טאג כ׳ סיון איז באקאנט ביי כלל ישראל אלס א טאג וואס אין איר איז מען מקונן אויף די ביטערע הריגות פון די גזירות ת״ח ות״ט ביי אידישע קינדער.

ספעציעלע קינות זענען געמאכט געווארן פאר דעם טאג, און במשך השנים האבן אידן געפאסט אין דעם טאג, און אין די מנהגים פון די קהילות הקדושות איז פארצייכנט פארשידענע פרטים און ענינים וואס איז נוגע צו דעם טאג.

בדורנו האחרון, ביי שלומי אמוני ישראל טראגט דער דאטום פון כ׳ סיון ־ בפרט ווען זי קומט טאקע פארבינדן פאראלעל מיטן טאג א׳ שלח – גאר א היסארישער באדייט, דער טאג כ׳ סיון תשל״ח, איז געווען דער זמן ווען רבבות אלפי ישראל זענען זיך צונויפגעקומען לפונדק אחד, על פי דיבורו פונעם רבן של ישראל, כ״ק מרן הגה״ק מרן בעל דברי יואל זי״ע, וועלכער האט מיט זיינע שוואכע כוחות פאררופן א ריזיגן כינוס לשם שמים, צו ערקלערן די אומאפהענגיגקייט און זעלבסט שטענדיגקייט פונעם יהדות החרדית פון די ציוני׳סטישע מדינה. און גלייכצייטיג דאס התייסדות פון ״קרן הצלה״ דער מוסד וואס שטייט מיט מסירות נפש אלס געטרייער רוקן-ביין פאר די מוסדות התורה אין ארה״ק וואס מוטשענען זיך אויף זייער עקזיסטענץ, און זיי זענען זיך מתבדל פון יעדע עזר וסיוע פון די ממשלת המינות אין זייערע מוסדות החינוך.

דער טאג כ׳ סיון תשל״ח, איז געבליבן איינגעבאקן מיט א הייליגן ציטער אין די הערצער פון פילע רבבות שלומי אמוני ישראל וואס האבן בשעתו מיטגעלעבט די הייליגע מצבים, זיי געדענקען דעם מחזה הוד ווען דער בי״ד הגדול שבירושלים איז געקומען צו פארן מהתם להכא צו מעורר זיין לבבות ישראל. זיי געדענקען די הייליגע ווערטער וואס רביה״ק זי״ע האט דעמאלטס משמיע געווען. עס איז איינגעקריצט אין זייערע הערצער דער אש קודש וואס האט זיך דעמאלטס אנגעצינדן, דער פייער פון לוחם זיין פארן עתיד פון אידישקייט, דער פלאם פייער פון לוחם זיין קעגן די יצרא דמינות, דער ברען פון לוחם זיין פאר די הייליגע הבטחה פון ׳כי לא תשכח מפי זרעו׳, אז עד ביאת הגואל וועט איבער בלייבן א הייפעלע, א ווינקעלע, צו ווען דער גואל צדק זאל נאך קענען קומען, ער זאל נאך טרעפן א קומץ פון אידישע קינדער וואס האבן ארויסגעקוקט און געווארט נאר אויף איהם, און זיי האבן זיך נישט געלאזט פארבלענדן די אויגן, און זיך נישט געלאזט פארפירן פון קיין משאות שוא ומדוחים טראץ די אלע שווערע נסיונות.

פון יענעם היסטארישן כ׳ סיון איז שוין אויך פארלאפן א 34 יאר, און עס איז שוין היינט דא א גרויסער דור אשר לא ידע את יוסף. אבער ווען די זעלבע מעמדי קודש זענען איבערגע׳חזר׳ט געווארן א׳ שלח תשמ״ח, און א׳ שלח תשנ״ח, ווען דער שר הצבא כ״ק מרן רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע איז געשטאנען בשער המחנה, ועל פי דיבורו הם נאספים. דער רבי האט פריש מעורר געווען דעם ציבור צו שטיין על המשמר, צו שפירן דעם חובת השעה צו זיין שותפים מיט אונזערע ברודער וואס שטייען בשדה המלחמה אין ארה״ק, און העלפן אז זיי זאלן קענען ווייטער עקזיסטירן און אנגיין אן די מינדעסטע הילף פון די ציוני׳סטישע ממשלת הכופרים.

> **וויפיל מען האט שוין פרובירט צו לוחם זיין, וויפיל מען האט אריין געלייגט כוחות דאס צו באקעמפן איז שוין היינט קלאר אז דער אינטערנעט וועט מען נישט מנצח זיין, זי האט שוין אריין געגראבן אירע נעגל, און זי האט שוין קלאר געמאכט דעם מציאות אז זי איז וויכטיג, לעבענס וויכטיג, און ווי וויכטיג זי איז היינט, פיל וויכטיגער וועט זי זיין איבער א יאר, און איבער פינף יאר, די גאנצע וועלט וועט זיך דרייען ארום דעם אינטערנעט, און אן איר וועט מען נישט קענען עקזיסטירן.**

עס לאזט זיך זאגן אז אין די נישט לאנגע היסטאריע פון ׳יהדות אמעריקע׳, באשטייט דעם דאטום פון א׳ שלח-כ׳ סיון ״מלחמה קעגן יצרא דמינות״.

*

קענען דאך אלע די גמרא וואס דערציילט ווי אזוי עזרא הסופר ז״ל האט געזעהן ווי אזוי די יצרא דע״ז איז זיך מתגבר אזוי ווייט אז עס איז כמעט נישט מעגליך אז מ׳זאל זיך קענען דערויף מתגבר זיין, האבן זיי געבעטן דעם אייבערשטן ׳לא הם ולא שכרם׳, און עס איז ארויסגעקומען א פייערדיגער לייב פון קדשי קדשים, און זיי האבן אים מעביר געווען מן העולם, און פון דעמאלטס איז דער יצר הרע בטל געווארן.

בשעתו האבן זיי פרובירט צו טון דאס זעלבע מיט די יצרא דעריות, אבער ווען זיי האבן געזעהן אז דאס איז א אומממעגליכע זאך האבן זיי זיך אפגעלאזט דערפון, אזוי איז דאס געבליבן אויף אלע דורות ווייטער אז דער יצר הרע פון מינות איז אין א געוויסן זיך נתבטל געווארן, בשעת ווען די יצרא דעבודה זרה איז נאך דא מיטן גאנצן שטארקייט.

# מאפע • קרן וויזאל משה א' שלה




## איזהו חכם המכיר את מקומו...

טרעפט
אייער פלאץ
ביים
"פילטער דרייוו"
לויט אייער
געברויך

***Apple: iPhone - iPad - iPod Touch***

**1** filter
**2** remove browser
**3** white list

***Android: phone and tablet***

**4** filter
**5** remove browser
**6** white list
**7** monitoring

***Blackberry:***

**8** filter
**9** remove browser

***Laptop:***

**10** filter
**11** remove browser
**12** white list
**13** monitoring
**14** WiFi Removal

***Palm Pixi – Web OS***

**15** remove internet

***Palm Centro***

**16** Remove internet

***Regular phones***

**17** block internet
**18** "איינטוישן "סמארטפאונס צו סעלפאן'ס אן אינטערנעט
**19** קויפן "אפראווד לינק" סעלפאן'ס אן טעקסט

*

אז מיר באטראכטן אונזערע נסיונות בדורינו אלה, מיר ווייסן קלאר אז די יצרא דמינות האט נאך ליידער געטראפן א ברייט פעלד אין די לעצטע דורות. דער כח פון די משכילים, רעפארמער, נעלאאגן, ציונים, אלעס איז יצרא דמינות. ווער רעדט נאך פון די לעצטע, די ציונים האבן ליידער מצליח געווען אויפצושטעלן א מלכות המינות אין ארה"ק, וואס דער גאנצער ציהל און דער גאנצער עקזיסטענץ פון די מדינה מיינט גארנישט עפעס אנדערש ווי א פרואוו פון אפרייסן דאס כלל ישראל און מנתק זיין דעם קשר אמיץ פון אורייתא, קודשא בריך הוא, וישראל.

תלי"ת אז עס זענען אונז איבער געבליבן א קומץ קטן פון צדיקי אמת וואס האבן ממשיך געווען דעים דרך פון פריערדיגע צדיקי אמת, און זיי האבן אונז כסדר געלערנט און גע'חזר'ט מיט אונז די דרכי ונימוסי המלחמה, אז מ'טאר נישט פארגעסן קיין איין רגע פון אונזערע יסודות. מ'דארף דערקענען דעם שונא אונטער סיי וועלכן לבוש ער קומט. אפילו ווען ער קומט 'כתלמוד חכם נדמה לו', ער קומט געקליידעט ווי איינער וואס וויל עפעס אויפטון פאר אידישקייט, דארף מען האבן דעם שכל ווי אזוי צו דערקענען אז בקרבו ישום ארבו, און דאס איז ווירקליך נאך א שטריקל צו מינות ואפקורסות.

טאקע דער דאטום פון כ' סיון איז א סימבאל פון די מערכה קעגן דעם יצרא דעבודה זרה.

*

בימינו אלה זענען מיר ביטער געפלאגט מיט די מגיפה פון די טעכנלאגישע כלים, וואס מיר קענען קלאר זאגן אז דאס איז א קאמבינאציע פון ביידע יצר הרע'ס, יצרא דעריות צוזאמצען מיט יצרא דעבודה זרה.

דער טמא'נער אינטערנעט - וואס איז מכלומר'שט באשאפן געווארן צו העלפן די וועלט און פארגרינגערן די קאמיוניקאציע פון איין עק וועלט ביז די צווייטע - האט זיך ליידער ארויסגעשטעלט צו זיין דער ארגסטער וואפן קעגן דאס יהדות החרדית הצרופה.

ווען זי טוט פרודיצירן כפירה, מינות, אפיקורסות, פריקת עול אויפן העכסטן גראד.

און פון די צווייטע זייט איז זי גאר א געטרייער שליח פון דעם יצרא דעריות, ווען די געמיינסטע און שמוציגסטע וואס די טמא'נע גאס האט צו פארקויפן, איז די געטרייע 'דיסטריביוטאר'.

וויפיל מען האט שוין פרובירט צו לוחם זיין, וויפיל מען האט אריין געלייגט כוחות דאס צו באקעמפן איז שוין היינט קלאר אז דער אינטערנעט וועט מען נישט מנצח זיין, זי האט שוין אריין געגראבן אירע נעגל, און זי האט שוין קלאר געמאכט דעם מציאות אז זי איז וויכטיג, לעבענס וויכטיג, און ווי וויכטיג זי איז היינט, פיל וויכטיגער וועט זי זיין איבער א יאר, און איבער פינף יאר, די גאנצע וועלט וועט זיך דרייען ארום דעם אינטערנעט, און אן איר וועט מען נישט קענען עקזיסטירן.

פון די צווייטעזייט איז איבריג צו זאגן יעדעס ווארט. זעלטן א מערכה וואס זאל זיין אויף דעם אופן ווען די בעלי בתים זאלן נישט דארפן נתעורר ווערן דורך די רבנים, נאר זיי זאלן טראכטן ביי זיך אז וויפיל די רבנים זאגן איז נאך וויניג געזאגט. טאקע די פראסטערע בעלי בתים, די פשוטי העם, זיי זאגן אז זיי ווייסן דאס בעסטע און זיי פארשטייען מער פון יעדן דעם פראבלעם פון די קאמפיוטערס, סמאר"ט פאונ"ס, אינטערנעט, ווייל זיי האבן שוין ליידער פארזוכט פונעם שאול תחתיות רחמנא לצלן. זיי זענען שוין געווען אין די בלאטע, אדער ח"ו געפונען זיי זיך נאך יעצט געבינדן אין די קייטן און זיי זעהן זיך דערפון נישט ארויס.

**ניין! נישט לאזן ליגן אינדערויסן פון שטוב אין א בעג ביזן היתר! נישט אזוי איז מען לוחם קעגן יצרא דעבודה זרה, נאר תיכף באפוקי יומא האט מען אנגעצינדן א ריזיגן פייער, און במשך יענע נאכט זענען הונדערטער שייטלעך פארברענט געווארן על קידוש השם...**

אלע זאגן דאס, אלע שפירן דאס, אז דאס וויכטיגסטע זאך צו ראטעווען דאס יהדות החרדית איז צו שיצן אונזערע שטובער. אויב זענען מיר נישט ביכולת ארויס צו גיין אין א מלחמה קעגן דעם אינטערנעט, זענען מיר אבער יא ביכולת צו שטעלן שמירה אויף אונזערע אייגענע הייזער. מיר האבן די מעגליכקייט זיך אליינס אנצוטון פאנצער און אכטונג געבן שלא יוכל המשחית לבא אל בתינו. מיר קענען שטעלן שטארקע גדרים וסייגים צו היטן אויף אונזערע טייערסטע, דאס זענען את עמלינו אלו הבנים אז זיי זאלן כאטש בלייבן הייליג און אומבארירט.

**שבת הגדול תשנ"ו האט דער רבי שליט"א דערמאנט אז עס איז דא אזא כלי וואס מענטשן לאזן אריין אין שטוב, און ער האט געזאגט: "איך זע אין דעם א סכנה, מען קען נישט וויסן וואס וועט זיין מיט דעם, די טעכניק גייט אלס פאראויס מער און מער. מען דארף עס באזייטיגן נאך איידער ס'ווערט א פירצה".**

*

מיט אכט יאר צוריק איז געווען עומד על הפרק די פרשה פון די 'עבודה זרה שייטלעך'.

עס איז געווען א טומל מקצה העולם ועד סופו, ווען מען האט זיך פלוצלונג דערוואוסט אז די שייטלעך וואס זענען סייווי גע'אסר'ט געווארן דורך רוב גדולי ישראל מטעמי צניעות, האבן גאר א פראבלעם פון 'תקרובות עבודה זרה', און מ'טאר דאס נישט האלטן אין שטוב.

עס איז געווען א נסיון פאר כלל ישראל, אזא שייטל האט געקאסט א שיינע מטבע, און נישט יעדער איז געווען ביכולת זיך צו געזעגענען נאזוי לייכט. מ'האט ד'אס געהאלטאן אינדערויסן פון שטוב און געווארט אז א בר בי רב דחד יומא זאל ארויס קומען מיט א היתר, און מ'זאל דאס קענען צוריק אריין ברענגען.

עס ליגט נאך אין די ביינער יענעם מעמד נורא ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט זיך אויפגעשטעלט שבת נאכמיטאג ביים פארלערנען פרקי אבות און מבאר געווען די הלכה על בורי', ארויס געברענגט די טעמי האיסור פון תקרובות עבודה זרה, און ער איז געגאנגען עד קצה האחרון, ניין! נישט לאזן ליגן אינדערויסן פון שטוב אין א בעג ביזן היתר! נישט אזוי איז מען לוחם קעגן יצרא דעבודה זרה, נאר תיכף באפוקי יומא האט מען אנגעצינדן א ריזיגן פייער, און במשך יענע נאכט זענען הונדערטער שייטלעך פארברענט געווארן על קידוש השם... שווערע הונדערטער טויזענטער דאללארן, אידיש געלט זענען 'אומגעקומען' ביי די הייליגע מערכה למען כבוד שמו יתברך.

אה, ווער עס געדענקט יענעם מעמד, אוי, אידן וואס האבן פארברענט פינף טויזענט דאללער זענען געשטאנען ביים פייער ווען טרערן גיסן זיך פון זייערע אויגן און זיי האבן געטאנצט "מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל", אוי, יענער געפיל, יענער הרגש, א געפיל ווי מ'האט ווידער געכאפט דעם יצרא דעבודה זרה - טאקע ווען ער איז געקומען פארשלייערט אונטער דעם יצרא דעריות אין פארעם פון פריצות'דיגע שייטלעך - און מען האט אים אויפגעפראסקעט אויף ביידע באקן ברבים, און

# א' שלח

## כ' סיון תשע"ב

אן היסטארישער טאג וואס וועט
געדענקט ווערן לדורות, אלס דער

# יום הצלת הדורות

פילטער דרייוו

# זונטאג שלח

אין קרן ויואל משה

Fine Design

משלח געווען מיט בזיונות.

דער רבי שליט"א האט אבער מחליט געווען נישט איינצוגיין אויף קיין פשרות, נאר צו גיין עד הסוף. נישט קוקן נאר אויפן חלק העבודה זרה שבה, נאר אויך אויפן חלק העריות בה. און ער האט אויסגענוצט דאס התעוררות אויף תיקוני תשובה בעניני צניעות בכלל, אויסרופנדיג אז "די ערשטע צען נשים צדקניות וואס וועלן זיך טוישן דעם לבוש צו א שפיצל וועל איך באצאלן די הוצאות פון מיין טאש".

א פרוי זאל טוישן דעם לבוש פון איין טאג אויפן צווייטן איז א ביטער שווערער נסיון. אבער יענע וואך האבן זיך הונדערט און פופציג נשים צדקניות געטוישט דעם לבוש! הונדערט און פופציג אידישע שטובער האבן באקומען א נייע צורה, און במשך די לעצטע אכט טוען די 150 אידישע שטובער אנדערע סארט שידוכים ווי בעפאר.

דער נסיון פון 'יצרא דעבודה זרה' פון שנת תשס"ד זענען מיר ב"ה בייגעשטאנען. און אין א געוויסן זין האט זיך דער מצב פון צניעות ביי סאטמארע חסידים זייער שטארק גערוקט מיט ערענסטע שטאפלען אויף ארויף.

אט דאס איז א כח פון נעמען א זמן פון התעוררות און דאס אויסנוצן עד קצה האחרון.

*

עס ברענט היינט א פייער אויף די וועלט.

די כלי המשחיתים למיניהם שטייען און פייניגן דאס כלל ישראל אויף א שרעקליכן אופן.

שוין מיט זעכצן יאר צוריק, ווען אינטערנעט האט נאך אויסגעזעהן ווי א ווייטער חלום, דער גאנצער קאמפיוטער איז נאך געווען עפעס א נייער גאסט, האט שוין דער רבי שליט"א מקבל פנים געווען דעם אומגערופענעם גאסט זייער קאלט און זייער אומגעוואונטשן.

שבת הגדול תשנ"ו האט דער רבי שליט"א דערמאנט אז עס איז דא אזא כלי וואס מענטשן לאזן אריין אין שטוב, און ער האט געזאגט: "איך זע אין דעם א סכנה, מען קען נישט וויסן וואס וועט זיין מיט דעם, די טעכניק גייט אלס פאראויס מער און מער. מען דארף עס באזייטיגן נאך איידער ס'ווערט א פירצה".

במשך די זעכצן יאר איז געהערט געווארן צענדליגער דרשות, הוראות, התעוררות, איסורים און תקנות חמורות, כדי צו קענען גודר זיין די שווערע נסיון. כולי האי ואולי.

אוי, לו חכמו ישכילו, ווען מ'הייבט דעמאלטס אן די מערכה וואלט מען ווען היינט אנדערש אויסגעזעהן!

ב"ה דער פייער פארשפרייט זיך מער און מער, גאר באזונדער דער גרויסארטיגער "כינוס כלל ישראל" האט אנגעצינדן א פייער מקצה העולם ועד סופו, און אידן אומעטום זענען זייער שטארק אונטערן רושם.

חסידי סאטמאר וואס האבן געהערט די שטרענגע און שארפע הוראות פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פארשטייען אז זיי דארפן גרייט זיין צו גיין ווייטער ווי א צווייטער, און טוען מער ווי א צווייטער, ווייל זיי זענען א שטארקערע און העכערע דרגא בכלל.

אבער אויב מיט אכט יאר צוריק האבן די פרויען עומד בנסיון געווען, איז יעצט די פראגע וואס די מענער קענען באווייזן, וואס זיי זענען ווערט.

א' שלח, כ' סיון תשע"ב, דער טאג וואס איז שוין נתקדש געווארן מיט א קדושה של מעלה מיט איר מלחמה קעגן דעם יצרא דעבודה זרה, ווערט יעצט ארויסגעשטעלט נאכאמאל אלס דאטום ווען אלפי חסידי סאטמאר וועלן ארויסגיין אין א מלחמה קעגן דעם יצרא דעריות מיט עבודה זרה צוזאמען, סיי די טומאה און סיי די כפירה וואס די פינסטערע אינטערנעט טוט פארשפרייטן.

דער גרויסארטיגער 'פילטער דרייוו' וואס איז פאררופן געווארן פאר תושבי קרית יואל א' שלח, דאס איז דער שאס, דער גירא בעינא דשיטנא, און עס איז ערווארטעט צו זעהן ווי שטארק און ווי ווייט מ'וועט דערשטעכן דעם יצר הרע.

**רבותי! קומט אלע ארויס צו די הייליגע מערכה, לאמיר אלע צוזאמען מיט אלע כוחות ארויסשיסן דעם גירא בעינא דשיטנא.**



# קרית יואל
# איינגעהילט
# אין התרגשות

## ארויסצואווייזן מיט שטאלץ

# אונזער מסירת נפש
# פאר אידישקייט!

פילטער דרייוו

# זונטאג שלח

אין קרן ויואל משה

Fine Design • 845.669.6133